**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג היסטארישע פארפלייצונגען, פייערט גאווערנער האקול פולשטענדיגע צוריק-עפענונג פון מעטראָ-נארט באנען און אנאנסירט אז עמטרעק סערוויס וועט זיך צוריק אנהויבן צווישן ניו יארק סיטי און אלבאני**

***מעטראָ-נארט מאנשאפטן האבן צוריק געשטעלט סערוויס איוף די אָפּער האדסאן ליניע און אֶפּער הארלעם ליניע ווייניגער פון צוויי טאג נאכדעם וואס האדסאן וואלי איז באטראפן געווארן מיט שווערע שטורעמס***

***עמטרעק סערוויס צווישן פען סטאנציע און אלבאני-רענסעליער האט זיך צוריק אנגעהויבן היינט***

[***ווידעאו פון בעפאר און נאך די שטורעם פארעפנטליכט דא***]()

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די פולשטענדיגע צוריק-עפענונג פון די מעטראָ-נארט באנען, און זי האט אנאנסירט אז עמטרעק סערוויס וועט זיך צוריק אנהויבן צווישן ניו יארק סיטי און אלבאני, נאך די היסטארישע רעגנס און פארפלייצונגען וועלכע האבן באטראפן די ראיאן אום יולי 9. גאווערנער האקול, מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פארזיצער און CEO, דזשענאָ ליעבער, און מעטראָ-נארט רעילראָוד פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האבן געמאכט די אנאנס נאכן אויפנעמען טייל פון די ערשטע מעטראָ-נארט פאסאנזשירן צו אנקומען צו די גרענד צענטראל טערמינאל נאך סערוויס איז צוריקגעשטעלט געווארן איוף די האדסאן ליניע.

"עקספערטן זאגן אז עס וואלט געקענט נעמען מער פון א וואך צו צוריקשטעלן די פולשטענדיגע מעטראָ-נארט סערוויס, אבער א דאנק די שווערע ארבעט און טאלאנט פון MTA יוניאן ארבייטער, האבן מיר צוריקגעשטעלט סערוויס צו יעדע מעטראָ-נארט סטאנציע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "צוליב די קלימאט קריזיס ווערן די וועטער עמערדזשענסיס שנעלערהייט אונזער נייע נארמע, און איך בין איבערגעגעבן צו טוהן אלעס אין מיין כוח צו פארשטערקערן אונזער אינפראסטרוקטור כדי עס זאל זיין מער שטאנדהאפטיג פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

באלד נאך די שטורעם איז מעטראָ-נארט סערוויס אפגעשטעלט געווארן צפון פון קראָטאן-הארמאן איוף די האדסאן ליניע און צפון פון סאַוטאיסט סטאנציע איוף די הארלעם ליניע. ווייניגער פון צוויי טעג נאך די שטורעם איז אנגעקומען, האט מעטראָ-נארט געקענט צוריקשטעלן סערוויס צו די האדסאן ליניע, אנהויבנדיג מיט באנען פארנדיג צו פּוקיפּסי דינסטאג אוונט. סערוויס איז אויך צוריקגעשטעלט געווארן איוף די אָפּער הארלעם ליניע מיטוואך אינדערפרי.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָ ליעבער, האט געזאגט,** "מיר האבן אדורכגעשוויצט גרויסע שטורעמס צוזאמען — הארריקאן איידע האט אויפגעשאקלט די האדסאן וואלי אין 2021, באטרעפנדיג די מעטראָ נאָרט אפעראציעס באזונדערס שווער, און יעצט שטייען מיר דא נאכפאלגנדיג נאך א שטורעם

פון אמאל אין א יובל. די MTA מאנשאפט האט זיך ווידעראמאל ארויפגעשארט די ארבל צו צוריקברענגען די באנען אויף די רעלסן. איך מוז באדאנקען די הונדערטע מאנשאפט מיטגלידער וועלכע האבן געארבעט ארום דעם זייגער דאס צו מאכן געשעהן."

**מעטראָו-נארט רעילראָוד פרעזידענט און לאנג איילענד רעיל ראָוד צייטווייליגע פרעזידענט, קעטערין רינאַלדי, האט געזאגט,** "זונטאג'ס היסטארישע שטורעם האט פאראורזאכט באדייטנדע שאדן צו די וואסאיק סטאנציע און צו די אָפּער האדסאן ליניע, און די מעטראָו-נארט ארבעטסקראפט איז ארויסגעקומען אין פולן קראפט צו אפריייניגן אונזערע רעלסן און צוריקברענגען סערוויס ווי שנעלער מעגליך. פון די מאנשאפטן וועלכע האבן געמאכט די רייניגונג ביז די ארבייטער וועלכע האבן געהאלפן מיט די צייטווייליגע באס סערוויס — קען איך נישט גענוג באדאנקען יעדן ארבעטער פאר זייער ארבעט."

סערוויס איז אפגעשטעלט געווארן אויף די האדסאן ליניע צפון פון קראָוטאן-הארמאן זונטאג נאכמיטאג און אויף די הארלעם ליניע צפון פון סאַוטאיסט סטאנציע מאנטאג אינדערפרי, צוליב שווערע שאדנס פון די שטורעם. די אפגעשטעלטע סערוויס אויף די האדסאן און הארלעם ליניעס האבן געשעדיגט כמעט 14,000 פאסאנזשירן יעדן טאג, און כמעט 105,000 פאסאנזשירן פארלאזן זיך אויף די ליניעס יעדע וואך.

די ארבעט צו אוועקנעמען אראפגעפאלענע בוימער, וואסער, בלאטע און שטיינער האט באשעפטיגט הונדערטע MTA ארבייטער און קאנטראקטארס, מיט מער מאנשאפט מיטגלידער נאכפאלגנדיג קורצשלוסן, רוקנדיג עקוויפּמענט און אנפירנדיג באס סערוויס אנשטאט די באן. די מאנשאפטן האבן אריינגערעכנט מיטגלידער פון די International Brotherhood of Electrical Workers, די International Brotherhood of Teamsters, די Association of Commuter Rail Employees און די Railway and Airway Supervisor Association. מאנשאפטן וועלן פארזעצן צו אויפריייניגן לענגאויס די האדסאן ליניע אזוי ווי די באן ארבעט צו צוריקשטעלן פולשטענדיגע רעגלמעסיגע געסקעדזשולטע סערוויס אויף די ליניע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418